אמור תשפ"ד
גליון 190

# דעם רבינ'ס ליכט



אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין
וואָס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

## צֶעבְּרֶעך דֶעם שָׂאלַאכְץ!

מִיר שְׂטֵייעֶן שׂוין פּוּנְקְט אִינְמִיטְן דִי הֵיילִיגֶע סְפִירָה טֶעג, אוּן בִּפְרָט דֶער שַׁבָּת וֶועלְן אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער לֵיינֶען אִין דֶער תּוֹרָה דֶער פָּסוּק, וּסְפַרְתֶּם לָכֶם מִמָּחֳרַת הַשַּׁבָּת מִיּוֹם הֲבִיאֲכֶם אֶת עֹמֶר הַתְּנוּפָה שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה (ויקרא כג, טו). שְׂטֵייט דָארְט אַז דֶער כֹּהֵן הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְן דֶעם עֹמֶר - דֶער קָרְבָּן שְׂעוֹרִים אַ תְּנוּפָה לַה'. לָאמִיר זֶען וִויאַזוֹי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אוּן ר' נָתָן בְּרֶענְגֶען עֶס אַרָאפּ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם פוּן אוּנְז, לְעֲבָדָה וּלְמַעֲשֶׂה אוּן וִוי אַזוֹי אִיז אַקְטוּעֶל דִי עֲבוֹדָה פוּן סְפִירָה, דוּרְכְאוֹיס דֶעם גַאנְצְן יָאר.

יֶעדְן טָאג נָאךְ סְפִירַת הָעֹמֶר זָאגְט מֶען בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אַז דִי מַטָּרָה פוּן סְפִירָה אִיז אַז מְ'זָאל זוֹכֶה זַיין 'לְקַדְּשֵׁינוּ וּלְטַהֲרֵינוּ בִּקְדֻשָּׁתְךָ הָעֶלְיוֹנָה'. זִיךְ מְקַדֵּשׁ אוּן מְטַהֵר זַיין פוּן דִי טוּמְאָה אוּן פוּן דִי זֻהֲמָה, וָואס דָאס אִיז דִי אַלֶע נִישְׁט גוּטֶע תַּאֲוֹות וּמִדּוֹת רָעוֹת.

מִיר וִוילְן דֶערְגְרֵייכְן נָאכְן צֵיילְן פוּפְצִיג טֶעג צוּ בַּאקוּמֶען אַ נֵייעֶ תּוֹרָה.

אַזוֹיוִוי סְ'אִיז בַּאוואוּסְט אַז יֶעדֶעס יָאר בַּאקוּמְט מֶען אַ נֵייעֶם דֶערְהֶער, נַייעֶ כֵּלִים צוּ מְקַיֵּים זַיין דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, אוּן קִיּוּם הַתּוֹרָה.

וַוייל לִכְאוֹרָה אִיז דִי תּוֹרָה שׂוין גֶעגֶעבְן גֶעוָוארְן בַּיים בַּארְג סִינַי, דַאן וָואס אִיז פְּשַׁט אַז יֶעדֶעס יָאר אִיז דָא אַ נֵייעֶ קַבָּלַת הַתּוֹרָה? נָאר יֶעדֶעס יָאר בַּאקוּמְט מֶען אַ נַייעֶ פַארְשְׂטַאנְד, אוּן הַכָּרָה, אַ נֵייעֶם גֶעשְׂמַאק, עֵצוֹת צוּ מְקַיֵּים זַיין דֶעם הֵיילִיגְן תּוֹרָה.

דֶערִיבֶּער הָאט אוּנְז דִי תּוֹרָה גֶעגֶעבְן אַ מִצְוָה צוּ צֵיילְן מִיטְ'ן מוֹיל יֶעדְן טָאג גְלַייךְ וֶוען עֶס הֵייבְּט זִיךְ אָן אַ נֵייעֶר טָאג, דַארְף מֶען אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְן מוֹיל 'הַיּוֹם' הַיינְט אִיז אַזוֹיפִיל טֶעג צוּם עֹמֶר. מֶען זֶעט פוּן דֶעם אַז דֶער דִּבּוּר אִיז אַ אוֹיסֶערְגֶעוֶוענְלִיכֶער כֹּחַ צוּ דֶערְמַאנֶען אַ מֶענְטְשׁ. אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט, כִּי מִדֵּי דַבְּרִי בּוֹ זָכֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד (ירמיהו לא, יט). וֶוען מֶען רֶעדְט אַרוֹיס אַ זַאךְ, גֶעדֶענְקְט מֶען עֶס.

ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אִין הִלְכוֹת פִּקָּדוֹן אַ וואוּנְדֶערְבַּארֶע הֲלָכָה אוֹיף סְפִירַת הָעֹמֶר. אַז יֶעדְן טָאג הֵייבְּט זִיךְ דֶער טָאג אָן מִיט טוּנְקְלְקַייט, מִיט חֹשֶׁךְ. דָאס מֵיינְט אַז דִי סִטְרָא אַחֲרָא וִויל אוּנְז יֶעדְן טָאג אוֹיפְוַוייזְן: דוּ זֶעסְט דָאךְ אַז סְ'אִיז טוּנְקְל, עֶס אִיז נִישְׁט קְלָאר. סְ'אִיז דָא בִּלְבּוּלִים אוּן מְנִיעוֹת. יֶעדְן טָאג אִיז דָא אַנְדֶערֶע שְׂטֶערוּנְגֶען, פְרִישֶׁע בִּלְבּוּלִים, טִרְדוֹת אוּן מְנִיעוֹת צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׂטְן אוּן צוּ דַאוֶוענֶען בְּכַוָּונָה, צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה אוּן מַאכְן מִצְווֹת מִיט אַ חֵשֶׁק, מִיט אַ בְּרֶען אוּן הִתְלַהֲבוּת אַזוֹיוִוי אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף זִיךְ פִירְן.




אָבֶּער מֶען דַארְף גֶעדֶענְקֶען אַז דִי אַלֶע פִינְסְטֶערְנִישְׁן, אַלֶע הַסְתָּרוֹת אוּן מְנִיעוֹת זֶענֶען נָאר וִוי אַ שָׂאלַאכְץ וָואס נֶעמְט אַרוּם דִי פְרוּכְט. צוּם בַּיישְׁפִּיל וֶוען אַ אִינְגְל וִויל עֶסְן אַ נִיסְל, אוֹיבּ הָאט עֶר קֵיינְמָאל בֶּעפָאר נִישְׁט גֶעזֶען אַזַא נִיסְל וֶועט עֶר זָאגְן: "סְ'אִיז אַ שְׂטִיק קְלָאץ, אַ הַארְט שְׂטִיקְל הָאלְץ".

וֶועסְטוּ אִים זָאגְן נֵיין: "נֶעם אַ הַאמֶער, צֶעבְּרֶעך דֶעם שָׂאלַאכְץ, וֶועסְטוּ טְרֶעפְן דֶערִין אַ גֶעשְׂמַאקֶע נִיסֶעלֶע."

דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

מֶען דַארְף וִויסְן אַז דִי שָׁאלַאכְץ אִיז נָאר אַ שָׁאלַאכְץ, אוּן מֶען דַארְף אַרַיינְגֵיין אִין דִי פְּנִימִיּוֹת אוּן דָארְט אִיז בַּאהַאלְטְן אַ פְּרִי מָלֵא-טַעַם.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְף אַ מֶענְטְשׁ וִויסְן אַז יֶעדְן טָאג אִיז דָא פְרִישֶׁע בִּלְבּוּלִים אוּן בַּאזוּנְדֶערֶע מְנִיעוֹת אוּן עֶס דַאכְט זִיךְ פַאר אַ מֶענְטְשׁ אַז דֶער טָאג וֶועט נִישְׁט גֶערֶעכְנְט וִוי אַ טָאג פוּן זַיין לֶעבְּן. מֶען קֶען הֶערְן וִוי אִינְגֶל זָאגְט אַמָאל: "הַיינְטִיגֶער טָאג קֶען מֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן!" אַזוֹי וִויל רוֹב וֶועלְט זָאגְט: "הַיינְט אִיז עֶרֶב שַׁבָּת - אַ שְׁוֶוערֶע טָאג", "יֶעצְט אִיז עֶרֶב פֶּסַח", "בֵּין הַזְּמַנִּים אִיז נִישְׁט קַיין צַייט". וֶוער רֶעדְט פוּן חוֹל הַמּוֹעֵד, וִוי אִיז דָא צַייט צוּ לֶערְנֶען? ווִידֶער אַ טַעֲנָה "הַיינְט אִיז זוּנְטָאג", מָארְגְן הָאבּ אִיךְ אַ חֲתוּנָּה אוּן נֶעכְטְן הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט אַ נְסִיעָה, אוּן אַזוֹי יֶעדְן טָאג הָאט דֶער יֵצֶר הָרַע תֵּירוּצִים פַארְוָואס קֶען מֶען נִישְׁט דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן מִיט אַ פְּרִישְׁקֵייט מִיט אַ בְּרֶען אוּן מִיט אַ חִיּוּת.

דֶערְפַאר הָאט אוּנְז דֶער תּוֹרָה גֶעגֶעבְּן אַ מִצְוָה וָואס הֵייסְט מִצְוַת סְפִירַת הָעוֹמֶר, אַז דוּ ווִילְסְט בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז גְלַייךְ אָנְהֵייבּ טָאג דַארְפְסְטוּ זָאגְן 'הַיּוֹם יוֹם'. הַיינְט אִיז אַ טָאג! נִישְׁט קַיין חִילּוּק וָואס דֶער טָאג וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען, וָואס דוּ וֶועסְט אַרַיינְכַאפְּן אָדֶער נִישְׁט, קוֹדֶם זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקֶען אַז סְ'אִיז אַ טָאג! אוּן טָאמֶער סְ'אִיז דִיר שְׁוֶוער, קֶען מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן לוֹיט דִי מִדּוֹת וָואס מֶען הָאט יֶענֶעם טָאג. מֶען קֶען אָפְּמַאכְן אַז דֶעם טָאג וֶועל אִיךְ דַאוֶונֶען גֶעשְׁמַאק, הַיינְט קֶען מֶען לֶערְנֶען גֶעשְׁמַאק וֶועט מֶען מֶער לֶערְנֶען. עֶס זֶענֶען פַארְהַאנֶען טֶעג וָואס מֶען קֶען מַאכְן חֶסֶד זָאל מֶען מַאכְן חֶסֶד. עֶס אִיז מִיר אִיצְטֶער גְרִינְגֶער צוּ זָאגְן תְּהִלִּים וֶועל אִיךְ זָאגְן תְּהִלִּים. אוֹיבּ קֶען אִיךְ הַיינְט נָאר זָאגְן לִקּוּטֵי תְּפִלּוֹת וֶועט מֶען דָאס זָאגְן.

עֶס שְׁטֵייט אִין מִשְׁנָה רָצָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא לְזַכּוֹת אֶת יִשְׂרָאֵל לְפִיכָךְ הִרְבָּה לָהֶם תּוֹרָה וּמִצְוֹת, דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר אִידִישֶׁע קִינְדֶער אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מֶען קֶען זִיךְ מְחַיֶּה זַיין יֶעדְן טָאג מִיט אַנְדֶערֶע לִמּוּדִים אוּן מִצְוֹת. דֶער עִיקָּר אִיז אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט קַיין טָעוּת הָאבְּן אַז דֶער הַיינְטִיגֶער טָאג אִיז בָּטֵל אוּן עֶר לָאזְט עֶס אַוֶועקְפְלִיעֶן וִוי אַ רוֹיעֶך.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז עֶר וֶועט דַארְפְן גֶעבְּן דִין-וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדְן טָאג אוּן אֲפִילוּ אוֹיף יֶעדֶע שָׁעָה. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימֹת תִּהְיֶינָה. אַז דִי זִיבְּן וָואכְן פוּן דִי סְפִירָה דַארְפְן זַיין גַאנְץ, עֶס דַארְף זַיין בִּשְׁלֵימוּת. דָאס מֵיינְט אַז קַיין שׁוּם רֶגַע אוּן קַיין שׁוּם מִינוּט זָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן וֶוערְן.

דָאס אִיז אוֹיךְ מְרַמֵּז אוֹיף דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, ווַייל זִיבְּן וָואכְן אִיז מְרַמֵּז אוֹיף אַלֶע זִיבְּן טֶעג פוּן דִי וָואךְ. זוּנְטָאג הֵייבְּט זִיךְ אָן נַייעֶ זִיבְּן טֶעג נִישְׁטָא קַיין אַכְט טֶעג אִין אַ וָואךְ, נָאר זִיבְּן טֶעג. עֶס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף זִיבְּן טֶעג וָואס חַזֶר'ט זִיךְ אִיבֶּער זִיבְּן, זִיבְּן, זִיבְּן, אוּן אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וִויסְן אַז אַלֶע טֶעג אוּן אַלֶע מִינוּטְן זֶענֶען גֶעצֵיילְט, אוּן מֶען טָאר נִישְׁט אָפְּלֵייגְן אוֹיף מָארְגְן, הַלְוַואי זָאל עֶר מָארְגְן עֶנְדִיגְן דֶעם חוֹב וָואס עֶר דַארְף מָארְגְן אוֹיסְפִירְן.

יֶעדְנְסְפַאל, אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט זָאגְן אַז מָארְגְן וֶועט עֶר דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹיווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט אִין תּוֹרָה רע"ב 'הַיּוֹם אִם בְּקוֹלוֹ תִשְׁמָעוּ'. וֶוער עֶס וִויל דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן עֶר וִויל פָאלְגְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס קוֹל דַארְף עֶר וִויסְן אַז דֶער עִיקָּר אִיז "הַיּוֹם, נָאר הַיינְטִיגְן טָאג."

זָאגְט ר' נָתָן אַז דוּרְכְדֶעם וָואס מֶען צֵיילְט נַיין אוּן פֶערְצִיג טֶעג אוּן מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן אַלֶע טוּמְאוֹת מִצְרַיִם אוּן מֶען בַּאקוּמְט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה שָׁבוּעוֹת דַארְף מֶען שׁוֹין שְׁפֶּעטֶער נִישְׁט צֵיילְן מִיט'ן מוֹיל דִי סְפִירָה, ווַייל מֶען וֶועט עֶס שׁוֹין מִמֵּילָא אַ גַאנְצֶע יָאר גֶעדֶענְקֶען דוּרְךְ דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז בִּזְכוּת דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן וָואס עֶר וֵוייסְט דֶער סוֹד פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר אַזוֹיווִי אַלֶע אִידְן זִינְגֶען 'בַּר יוֹחָאי... שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת סוֹד חֲמִשִּׁים'. דֶער הֵיילִיגֶער ר' שִׁמְעוֹן ווֵייסְט דֶעם סוֹד חֲמִשִּׁים, דֶער שַׁעַר פוּן מָשִׁיחַ דֶער שַׁעַר פוּן תְּשׁוּבָה פוּן תְּהִלִּים. בִּזְכוּת דֶעם זָאל זִיךְ עֶפֶענֶען פַאר אוּנְז אַלֶע שְׁעָרִים, אוּן נָאךְ דָאס יָאר זָאל מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְּאוּלָּה מָשִׁיחַ זָאל נִתְגַּלֶּה וֶוערְן מִיט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן מִיט אַלֶע צַדִּיקִים, אוּן עֶס זָאל זַיין אַ גְּאוּלָּה בְּרַחֲמִים וַחֲסָדִים מְגֻלִּים.

# איין מעשה'לע



## בַּיים טַאטְן אִין וַויינְגָארְטְן

"קוּמְט מְ'גֵייט," הָאט מַיין טַאטֶע אוּנְז גֶערוּפְן.

"וואוּ גֵייט מֶען יֶעצְט?" הָאבּ אִיךְ גֶעפְּרֶעגְט שׁוֹין צוּם ווִיפִילְסְטְן מָאל אִין דִי לֶעצְטֶע שְׁטִיק צַייט זַייט מִיר זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעפָארְן קַיין חוּץ-לָאָרֶץ צוּ וַוײלְן בַּיי דִי זֵיידֶעס אוּן בַּאבֶּעס אִיבֶּער יוֹם טוֹב.

מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעוַואלְגֶערְט מִיט זֶעק אוּן פֶּעק אִיבֶּער דִי וֶועגְן. סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוֶוערֶע נְסִיעָה. אוֹיפְ'ן וֶועג אַהִין הָאבְּן מִיר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אִין אֵייְרָאפֶּע פַאר אַ שָׁעָה. דֶערְנָאךְ זֶענֶען מִיר עֶנְדְלִיךְ אָנְגֶעקוּמֶען. לְכַתְּחִלָּה הָאבְּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן גֶעזוּכְט אַ דִירָה צוּ קֶענֶען אַיינְשְׁטֵיין דִי גַאנְצֶע צַייט אִין זֶעלְבְּן פְּלַאץ, אָבֶּער אַזוֹי ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעזוּכְט אַ הַכְנָסַת אוֹרְחִים הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעמַאכְט אַ דִירָה וָואס מִיר הָאבְּן גֶעקֶענְט בְּלַייבְּן. אַזוֹי אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען אַז יֶעדֶע פָּאר טֶעג הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעדַארְפְט אֵיינְפַּאקְן דִי רֶענְצְלֶעךְ, אַרַיינְשְׁלֶעפְּן דִי פֶּעקְלֶעךְ אִין קַאר אוּן דֶערְנָאךְ אַרוֹיס אוּן זִיךְ ווִידֶער פְּלַאצִירְן אִין אַ נַייעֶ אַכְסַנְיָא.

מַיין מַאמֶע הָאט שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט צוּ פִירְן דִי סֵדֶר מִיט דִי קִינְדֶער אִין דֶער פְּרֶעמְד. דִי שְׁפְּרַאךְ אִיז אִיר גֶעוֶוען אוּמְבַּאקַאנְט, דִי גַאסְן אוּן גֶעשֶׁעפְטְן אַזוֹי ווִילְד פְּרֶעמְד. אוּן אִינְצְווִישְׁן דַארְף זִי קָאנְטְרָאלִירְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער וֶועלְכֶע טַאנְצְן ווִילְד אַרוּם ווִי בַּיים טַאטְן אִין וַויינְגָארְטְן.

סְ'אִיז גֶעוֶוען אַ חִידוּשׁ ווִי דִי גְרוֹיסֶע קִינְדֶער הָאבְּן גֶעמוּטְשֶׁעט אוּן זֶענֶען גֶעוֶוען אוּמְבַּאקְוֶועם פוּן דִי נְסִיעָה אָבֶּער דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער הָאבְּן נִישְׁט גֶעהַאט דִי קְלֶענְסְטֶע דְאָגָה אוֹיף דֶער וֶועלְט. יֶעדְן טָאג אִיז מֶען גֶעגַאנְגֶען צוּ אַ נַייעֶ בַּאבֶּע, אַלֶע מוּמֶעס זֶענֶען גֶעוָוארְן, "בַּאבִּי", זֵיי הָאבְּן גֶעקֵייט גוּטֶע זַאכְן מִיט וָואס מֶען הָאט זֵיי בַּאוָוארְפְן אוּן פַארְטִיג. וָואס אִיז אַ נַפְקָא מִינָהּ אוֹיבּ מֶען דַארְף זִיךְ יֶעצְט פַּאקְן פֶּעקְלֶעךְ אוּן גֵיין צוּ אַ נַייעֶ דִירָה? וֶועמֶען גֵייט דָאס אָן? מֶען גֵייט מִיט טַאטִי אוּן מַאמֶע וֶועלְכֶע פִירְן אוּנְז אוּן סְ'אִיז גֶענוּג.



"קוּקְטְס קִינְדֶער," הָאט אוּנְזֶער טַאטֶע גֶעווִיזְן. "מִיר דַארְפְן זַיין פּוּנְקְט ווִי אַ קְלֵיין קִינְד אִין דִי הֶענְט פוּן אַ מַאמֶע ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ עָלָיו הַשָּׁלוֹם דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס אִין תְּהִלִּים כְּגָמֻל עֲלֵי אִמּוֹ (תהלים קלא, ב).

וָואס אִיז דִי נַפְקָא מִינָהּ אוֹיבּ מִיר זֶענֶען אַהֶער אָדֶער אַהִין, אַז מִיר זֶענֶען אוֹיפְ'ן שׁוֹיס פוּן כִּבְיָכוֹל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז שׁוֹין אַלֶעס גוּט מְסֻדָּר.



# אַ ניגון
## פון פְּרַיינְטְשַׁאפְט
## שִׁיר יְדִידוּת

אַ פְּרֵייד הָאט אַרוּמְגֶענוּמֶען אַלֶע בְּרֶסְלֶבֶ'ער חֲסִידִים פוּן דִי שְׁטֶעטְלֶעך אוּן דֶערְפְלֶעך אַרוּם פוֹילְן, אַ גוּטֶע שְׁמוּעָה הֶערְט זִיך אִין דִי לוּפְטְן, אַז ר' יִשְׂרָאֵל הַיילְפְּרִין (קַארְדוּנֶר) זַצַ"ל אִיז שׁוֹין בָּרוּך ה' צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן זַיין נְסִיעָה קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּרִיק קַיין פוֹילְן. דֶער הֵיילִיגֶער רַבִּי הָאט אַסַאך גֶערֶעדְט וֶועגְן דִי גְרוֹיסְקֵייט אוּן קְדוּשָׁה פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן דִי גֶעוַואלְדִיגֶע זְכִיָה אוּן תִּיקוּן אֲפִילוּ נָאר צוּ גֵיין דָארְט אַפָּאר טְרִיט. דֶערִיבֶּער פְלֶעגְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אַרוּמְגֵיין מִיט אַ גְרוֹיסֶע בֶּענְקֶענִישׁ צוּ פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אוּן הָאבְּן אַסַאך גֶעהָאפְט אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער זוֹכֶה זַיין דָארְט אָנְצוּקוּמֶען אֲפִילוּ נָאר אוֹיף אַ בַּאזוּך.

וִוי נָאר דִי שְׁמוּעָה אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט יֶעדֶער גֶעוַוארְט זִיך צוּ טְרֶעפְן מִיט ר' יִשְׂרָאֵל זַצַ"ל אוּן הֶערְן פוּן אִים אַבִּיסְל וֶועגְן זַיין נְסִיעָה, צוּ בַּאקוּמֶען אַ גְרִיס פוּן הֵיילִיג לַאנְד. אוֹיך ר' יִצְחָק בְּרֵייטֶער הי"ד וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבֶער מַשְׁפִּיעַ אִין וַוארְשֶׁע, עֶר אִיז גֶעוֶוען בַּאוואוּסְט אַז עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אָן אַ שִׁיעוּר נַייֶע מְקֹרָבִים צוּם רֶבִּינְ'ס אוֹר, מִיט זַיינֶע שְׁעוּרִים וָואס עֶר פְלֶעגְט אִיבֶּערְגֶעבְּן, וָואס אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט אֱמֶת אוּן תְּמִימוּת הָאט בַּאנוּמֶען וֶוער עֶס הָאט אִים נָאר גֶעהֶערְט. אוֹיך עֶר הָאט גֶעהַאט אַסַאך כִּסוּפִין אוּן בֶּענְקְשַׁאפְט אַרוֹיפְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זִיך צוּ טְרֶעפְן מִיט ר' יִשְׂרָאֵל הַיילְפְּרִין. דִי גֶעלֶעגְנְהַייט אִין אָנְגֶעקוּמֶען אוּן זֵיי זֶענֶען בֵּיידֶע גֶעזֶעצְן וֶוען ר' יִשְׂרָאֵל דֶערְצֵיילְט וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט אִים אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן ר' יִצְחָק שְׁלִינְגְט יֶעדֶעס וָוארְט.

אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג הָאט ר' יִשְׂרָאֵל דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין בַּיי דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן ר' שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אִין מִירוֹן ל"ג בָּעֹמֶר, דִי שִׂמְחָה אוּן הִתְעוֹרְרוּת וָואס דָארְט קוּמְט פָאר קֶען מֶען גָארְנִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן. דָאס אִיז גֶעוֶוען פַאר מֶער וִוי

הוּנְדֶערְט יָאר צוּרִיק, וֶוען עֶס פְּלֶעגְן קוּמֶען קַיין מִירוֹן ל"ג בָּעֹמֶר אִידְן פוּן יְרוּשָׁלַיִם, צְפַת אוּן טְבֶרְיָה, מִיט זֵייעֶרֶע דְרֵיי יָארִיגֶע חַאלַאקֶע אִינְגְלֶעך, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה, נָאכְן פָּארְן אַ וֶועג פוּן אִיבֶּער אַ וָואך. דִי אַרַאבִּישֶׁע אַיינְוואוֹינֶער פוּן דִי דֶערְפְלֶעך אַרוּם מִירוֹן פְלֶעגְן קוּמֶען דָארְט שְׁפִּילְן מִיט זֵייעֶרֶע מוּזִיק, דִי שִׂמְחָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס, אוֹיךְ זֶענֶען גֶעקוּמֶען אַסַאךְ אִידְן פּוֹעֶל'ן יְשׁוּעוֹת בַּיים צִיּוּן פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן, וָואס דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְעוֹרְרוּת.




מֶען זִינְגְט דָארְט עֶקְסְטֶערֶע שֵׁיינֶע לִידֶער לְכָבוֹד רַבִּי שִׁמְעוֹן, הָאט ר' יִשְׂרָאֵל דֶערְצֵיילְט אוּן הָאט גֶעזוּנְגֶען פַאר ר' יִצְחָק דֶעם זֶמֶר "בַּר יוֹחַאי" דֶער בַּאקַאנְטֶער נִיגוּן וָואס מִיר זִינְגֶען יֶעדְן ל"ג בָּעֹמֶר, שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר אִים גֶעזוּנְגֶען דֶעם זֶמֶר "וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי" וָואס אִיז אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט לוֹיט דִי א-ב מִיט שֵׁיינֶע שְׁבָחִים אוֹיף רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי. דֶער זֶמֶר הָאט ר' יִצְחָק זֵייעֶר בַּאנוּמֶען, עֶר הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אִיבֶּערַאשְׁט: "אַזַא לִיד דַארְף מֶען אוֹיךְ מַאכְן פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן". אַזוֹי אוּנְטֶער דֶעם אַיינְדְרוּק פוּן דֶעם זֶמֶר אֲדוֹנֵינוּ בַּר יוֹחַאי, הָאט ר' יִצְחָק אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ מַאכְן אַזַא לִיד אוֹיךְ אוֹיפְן רֶבִּין', מִיטְן פִּזְמוֹן "וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי אֲדוֹנֵינוּ מְקוֹר חָכְמָה"...

בָּרוּךְ ה' אֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל / אֲשֶׁר לֹא הִשְׁבִּית לָנוּ גּוֹאֵל / הָאט ר' יִצְחָק אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען, מִיט גְרוֹיס דַאנְק אוּן לוֹיבּ פַארְן בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא רֶבִּי'ן וָואס לֵייזְט אוּנְז אוֹיס בְּרוּחָנִיּוּת אוּן בְּגַשְׁמִיּוּת, אַזוֹי אִיז ר' יִצְחָק גֶעגַאנְגֶען פוּן אוֹת צוּ אוֹת, בִּיז עֶס אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען דֶער שֵׁיינֶער נִיגוּן "שִׁיר יְדִידוּת" וָואס מֶען זִינְגְט נָאךְ בִּיז הַיינְט בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ אַרוּם דֶער וֶועלְט.

וֶוען ר' יִצְחָק הָאט דָאס גֶעזוּנְגֶען פַאר יוּנְגֶע בָּחוּרִים הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אַ סִיַּיעְתָּא דִשְׁמַיָּא אַז עֶר גֶעמַאכְט דֶער נִיגוּן וַוייל עֶר אִיז קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין בַּעַל מְנַגֵּן, נָאר בַּיי דֶעם נִיגוּן, הָאבְּנְדִיג אַ שְׁטַארְקֶע וִוילְן צוּ מְפַרְסֵם זַיין דֶעם צַדִּיק הָאט זִיךְ אִים דָאס אַרוֹיסְגֶעזִינְגֶען.

ס'אִיז דָא אַ גֶעוִויסֶע צוּגְלַייךְ צְוִוישְׁן דֶעם זֶמֶר "וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי" צוּם "שִׁיר יְדִידוּת" צ.ב.ש.:

"בַּר יוֹחַאי בְּקֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים קַו יָרוֹק מְחַדֵּשׁ חֳדָשִׁי"ם פוּן זֶמֶר פוּן ר' שִׁמְעוֹן צוּ:

"צִיּוּנוֹ הַקָּדוֹשׁ קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים בְּכָל עֵת וְרֶגַע מְחַדֵּשׁ חֲדָשִׁים" וָואס ר' יִצְחָק הָאט גֶעשְׁרִיבְּן.

אַזוֹי אִיז דָא נָאךְ אַסַאךְ שְׁטִיקְלֶעךְ וואוּ מֶען קֶען זֶעהְן אַז ר' יִצְחָק הָאט דָאס גֶעשְׁרִיבְּן אוּנְטֶערְן רֹשֶׁם פוּן דֶעם זֶמֶר "וַאֲמַרְתֶּם" וָואס ר' יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶר הָאט אִים גֶעזוּנְגֶען.

ר' מָאטְל יַאגְלְנִיק זַצַ"ל וָואס אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן ר' יִצְחָק בְּרֵייטֶער, הָאט דֶערְצֵיילְט, אַז וֶוען ר' יִצְחָק הָאט גֶעזוּנְגֶען דָאס לִיד צוּזַאמֶען מִיט דִי חֲבוּרָה פוּן דִי יוּנְגֶע בָּחוּרִים אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטִיקְל: טָעֲמְנוּ כִּי טוֹב סַחְרָהּ / לֹא יִכְבֶּה בַּלַּיְלָה נֵרוֹ/ הָאט עֶר זִיךְ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט אַ הֶמְשֵׁךְ צוּ דִי שְׁטִיקְל, הָאט מֶען אִים גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס הָאט עֶר אִין דִי גַאנְצֶע זֶמֶר נִישְׁט דֶערְמַאנְט ר' נָתָן זַצַ"ל? עֶר אִיז בַּאלְד נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן אוּן תֵּיכֶף אוֹיפְן פְּלַאץ צוּגֶעלֵייגְט דֶער הֶמְשֵׁךְ פוּן דִי שְׁטִיקְל: עוֹלָם נֵלֵךְ לְאוֹרוֹ / עַל יְדֵי ר' נָתָן תַּלְמִידוֹ / אוּן מִיט דֶעם אִיז אִינְגַאנְצְן פַארֶענְדִיגְט גֶעוָוארְן דָאס לִידְל.

דִי לִיד הָאט זֵייעֶר בַּאנוּמֶען וֶוער עֶס הָאט דָאס גֶעהֶערְט, מֶען הָאט דָאס אִין אָנְהוֹיבּ גֶעדְרִיקְט אוֹיף אַ בְּלַאט אוּן ר' יִצְחָק פְּלֶעגְט עֶס זִינְגֶען אִין זְמַנִּים וֶוען מֶען אִיז גֶעזֶעצְן צוּזַאמֶען, וֶוען נָאךְ יֶעדֶע שְׁטִיקְל פְּלֶעגְט עֶר זִינְגֶען "הוּא רַבֵּינוּ מְקוֹר חָכְמָה"... וְכוּ'...

שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען דָאס שׁוֹין אַרֵיינְגֶעלֵייגְט צוּם סוֹף פוּן סֵפֶר חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְס גֶעדְרִיקְט אִין פּוֹילְן, אוֹיךְ דִי זְקֵנֵי אנ"ש אִין אוּמַאן הָאבְּן מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי לִיד, ר' אַהֲרֹן לֵייבּ צִיגֶעלְמַאן זַצַ"ל הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אוֹיף דֶעם נִיגוּן אַז דָאס אִיז

מְעַט הַכַּמּוּת וְרַב הָאֵיכוּת.....

רֶ' יִצְחָק מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה הי"ד זֶענֶען לֵיידֶער גֶעהַרְגֶ'עט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דִי נַאצִיס יִמַּח שְׁמוֹ בַּיים צְוֵוייטְן וֶועלְטְ'ס קְרִיג, ר' יִצְחָק אִיז אוּמְגֶעקוּמֶען פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע, וַוייל דִי רְשָׁעִים הָאבְּן אִים גֶעהַאלְטְן פַאר אַ "יוּדֶען פִּירֶער" וַוייל עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ רֶעדְן מִיט מֶענְטְשְׁן אִין עֲבוֹדַת ה', עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר פִּיל תַּלְמִידִים. צוּזַאמֶען מִיט נָאךְ אַסַאךְ צַדִּיקִים רַבָּנִים וַחֲסִידִים, אִיז ר' יִצְחָק אוּמְגֶעקוּמֶען עַל קִדּוּשׁ ה' - ה' יִנְקֹם דָמוֹ, דִי טַייעֶרֶע לִיד וָואס עֶר זִינְגְט אוֹיפְן רֶבִּי'ן אִיז נִצְחִיּוּת, עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן פַאר אוּנְז זִיךְ צוּ מְחַזֵּק זַיין אוּן מְעוֹרֵר זַיין מִיט דִי גֶעוַואלְדִיגֶע גְּדוּלָּה פוּן רֶבִּי'ן. הוּא רַבֵּינוּ מְקוֹר חָכְמָה, וַאֲמַרְתֶּם כֹּה לֶחָי....

(מְקוֹרוֹת: אֵשׁ תָּמִיד תּוּקַד, שְׁאֵרִית יִצְחָק)

**טרעפ די וועג צו רבי שמעון בר יוחאי אין מירון**







# דעם רבינ'ס משלים

בֶּעטְן פַאר אַ יְשׁוּעָה און דָאס צְוֵייטֶע וֶוערְט גֶערוּפְן רַחֲמִים גְּדוֹלִים – גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת.

מִיר קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ פַארְלַאנְגֶען אַ יְשׁוּעָה וֶועלְכֶע זָאל גְלַייךְ דֶערְגְרֵייכְן דִי גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת וָואס פוּן דָארְטְן קֶען מֶען גֶעהָאלְפְן וֶוערְן בִּשְׁלֵמוּת מִיט אַלֶע יְשׁוּעוֹת וָואס מֶען דַארְף נָאר הָאבְּן, וַוייל אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת קֶענֶען נָאר עֶרְוֶועקְן דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע רַחֲמָנוּת 'רַחֲמִים פְּשׁוּטִים', וָואס אִיז אַ זֵייעֶר בַּאגְרֶענִיצְטֶע רַחֲמָנוּת וָואס קֶען נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם אַלֶעמָאל בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע יְשׁוּעָה.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר בֶּעטְן און מִתְפַּלֵל זַיין צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע רַחֲמָנוּת 'רַחֲמִים פְּשׁוּטִים' מִיט וָואס מִיר זֶענֶען מְעוֹרֵר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אוּנְזֶערֶע תְּפִלּוֹת, זָאל מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אוּנְז און מְעוֹרֵר זַיין בַּיים בַּאשֶׁעפֶער דִי 'גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת', וָואס פוּן דָארְט וֶוערְט דָאךְ נִמְשָׁךְ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע דֶערְבַּארִימְקַייט און פוּן דָארְט וֶועלְן מִיר זִיכֶער פוֹעֶלְ'ן דִי גַאנְצֶע יְשׁוּעָה. [אַזאַ סָארְט תְּפִלָּה פוּן

המשך פון די לעצטע זייט

די רַחֲמִים פְּשׁוּטִים צוּ די רַחֲמִים גְּדוֹלִים, אִיז אַ תְּפִלָּה וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַלֵיינְס דַאוְונְט, מִיר בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל דָאס טוּן פַאר אוּנְז.]

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פִּירְט אוֹיס אַז דִי מָשָׁל אִיז זֵייעֶר וואוּנְדֶערְלִיךְ און פָארְכְטִיג (צוּ מַסְבִּיר זַיין אַבִּיסְל דֶער נִמְשָׁל. מִיר וַוייסְן דָאךְ אַז נִישְׁט אַלֶעמָאל אִיז דֶער מֶענְטְשׁ רָאוּי צוּ בַּאקוּמֶען וָואס עֶר בֶּעט, אַזוֹי וִוי אַ טַאטֶע וֶועט נִישְׁט אַלֶעמָאל גֶעבְּן פַארְן קִינְד וָואס עֶר בֶּעט פוּן אִים וַוייל עֶס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט פַארְן קִינְד דִי זַאךְ וָואס עֶר בֶּעט. אַזוֹי אוֹיךְ הַשי"ת וִויל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיפְן אִיד אָבֶּער עֶס אִיז דָא אַ מִשְׁפָּט און חֶשְׁבּוֹן, און מֶען קֶען נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי יְשׁוּעָה, אַזוֹי וִוי אַ טַאטֶע גִיבְּט אַמָאל אַ פַּאטְשׁ פַאר אַ קִינְד מִיט רַחֲמָנוּת.

דֶערְפַאר אִיז דֶער רֶבִּי מְגַלֶה נָאךְ אַ סָארְט תְּפִלָּה וָואס אִיז פַאר אוּנְז גֶעבְּלִיבְּן, צוּ בֶּעטְן בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, נוּץ דַיין גֶעוֶוענְלִיכֶע רַחֲמָנוּת צוּ מְעוֹרֵר דַיין גָאר גְרוֹיסֶע רַחֲמָנוּת, זָאלְסְט מִיר גֶעבְּן דִי גַאנְצֶע יְשׁוּעָה פוּן דִי הוֹיכֶע פְּלַאץ [רַחֲמִים גְּדוֹלִים] נִישְׁט לוֹיט מַיינֶע מַעֲשִׂים, אֲפִילוּ אִיךְ בִּין נִישְׁט רָאוּי דֶערְצוּ!)

(לויט לקוטי מוהר"ן ק"ה)

## סיפורי מעשיות מעשה י' - דער בערגער און דער אריםאן - ענדע

הָאט וִוידֶער דֶער 'קֵיסָר' אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ 'זִיפְצְן' און צוּ 'קְרֶעכְצְן' – און הָאט גֶעזָאגְט: "וָואסְפַארַא 'שְׁלֶעכְטֶע' און אַ 'בִּיטֶערֶע עֶלְטֶער', דֶער 'קֵיסָר' הָאט – וָוארְן עֶר הָאט גֶעהֶערְט: אַז דִי 'טָאכְטֶער' זַיינֶע, דִי 'יְפַת־תּוֹאַר', אִיז פַארְפַאלְן [פַארְלוֹירְן] גֶעוָוארְן – און 'עֶר' אַלֵיין, אִיז פַארְשִׁיקְט גֶעוָוארְן"!

הָאט זִיךְ וִוידֶער דֶער 'בָּחוּר' אָנְגֶערוּפְן: "אִיבֶּער [צוּלִיבּ] זַיין 'אַכְזָרִיוּת' (כְּלוֹמַר: אוּמְדֶערְבַּארֶעמְקַייט), און אִיבֶּער זַיין 'גַדְלוּת' [צוּלִיבּ זַיין גַאֲוָה] – הָאט עֶר 'זִיךְ' אוֹיסְגֶעבְּרַאכְט

[אַוֶועקְגֶעלֵייגְט] – אוּן [אוֹיךְ] זַיין 'טָאכְטֶער' – אוּן 'אִיךְ' בִּין אַהֶער פַארְוָוארְפְן גֶעוָוארְן – אַלְץ [אִיז גֶעשֶׁעהְן] אִיבֶּער [צוּלִיבּ] אִים"!

הָאט עֶר אִים וִוידֶער גֶעפְרֶעגְט (דֶער 'קֵיסָר' צוּ דֶעם 'בָּחוּר'): "אַז עֶר זָאל דִיר קוּמֶען אִין דֶער 'הַאנְט' אַרַיין – וָואלְסְטוּ זִיךְ אִין אִים 'נוֹקֵם' גֶעוֶוען"? – עֶנְטְפֶערְט עֶר אִים: "'נֵיין'! – אִיךְ וָואלְט אִים אַזוֹי 'מְפַרְנֵס' גֶעוֶוען, פּוּנְקְט אַזוֹי־וִוי אִיךְ בִּין דִיךְ 'מְפַרְנֵס'"!

הָאט זִיךְ דֶער 'קֵיסָר' דֶערְקֶענְט צוּ אִים, אוּן הָאט אִים מוֹדִיעַ גֶעוֶוען: "אַז עֶר אִיז דָאס אַלֵיין דֶער 'קֵיסָר' – אוּן וָואס סְ'הָאט זִיךְ מִיט אִים אִיבֶּערְגֶעטָאן [אָפְּגֶעטוּהְן]"!

אִיז דֶער 'בָּחוּר' אוֹיף אִים אַנִידֶערְגֶעפַאלְן – אוּן הָאט אִים 'גֶעקוּשְׁט' אוּן 'גֶעהַאלְזְט'!

אוּן 'זִי' (דְהַיְינוּ: דִי 'יְפַת־תּוֹאַר' וָואס זִי אִיז דָא אוֹיךְ גֶעוֶוען, נָאר פַארְשְׁטֶעלְט, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – הֶערְט דָאס אַלְץ, וִוי [וָואס] דִי בֵּיידֶע שְׁמוּעֶסְן אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערְן!

אוּן דֶער 'בָּחוּר' – אִיז זַיין 'סֵדֶר' גֶעוֶוען: עֶר פְלֶעגְט 'אַלֶע [יֶעדְן] טָאג' גֵיין – אוּן הָאט זִיךְ אַ 'סִימָן' גֶעמַאכְט אִין 'דְרֵיי בֵּיימֶער' – אוּן הָאט דָארְט גֶעזוּכְט דָאס 'כְּתָב' – וָוארְן סְ'אִיז דָארְט גֶעוֶוען 'אַלְפֵי־אֲלָפִים [טוֹיזְנְטֶער־טוֹיזְנְטֶער] בֵּיימֶער' – פְלֶעגְט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ 'סִימָן' אִין [דִי דָאזִיגֶע] 'דְרֵיי בֵּיימֶער' וָואס עֶר הָאט גֶעזוּכְט [אַז דָארְט הָאט עֶר שׁוֹין גֶעזוּכְט] – כְּדֵי עֶר זָאל שׁוֹין 'מָארְגְן' נִישְׁט בַּאדַארְפְן זוּכְן אִין דִי [דָאזִיגֶע] 'דְרֵיי בֵּיימֶער'! – אַזוֹי פְלֶעגְט עֶר טָאן אַלֶע טָאג, טָאמֶער פָארְט וֶועט עֶר גֶעפִינֶען דָאס 'כְּתָב' (דְהַיְינוּ: דָאס 'כְּתָב' וָואס זִי הָאט אִים גֶעשִׁיקְט, וָואס סְ'אִיז בַּיי אִים פַארְפַאלְן גֶעוָוארְן צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט])!

אוּן אַז עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אוּמְקֶערְן פוּן דָארְט – פְלֶעגְט עֶר קוּמֶען מִיט פַארְוֵויינְטֶע אוֹיגְן – וָוארְן עֶר פְלֶעגְט וֵויינֶען: "אַז עֶר הָאט גֶעזוּכְט, אוּן הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען"!

הָאבְּן זֵיי אִים גֶעפְרֶעגְט (דְהַיְינוּ: דֶער 'קֵיסָר' מִיט דֶער 'יְפַת־תּוֹאַר'): "וָואס זוּכְסְטוּ צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער, אוּן דֶערְנָאךְ קוּמְסְטוּ צוּרִיק מִיט פַארְוֵוינְטֶע אוֹיגְן"?

הָאט עֶר זֵיי דֶערְצֵיילְט דִי 'גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה': "בַּאֲשֶׁר [אַז] דִי 'בַּת־קֵיסָר' (דְהַיְינוּ: דִי 'יְפַת־תּוֹאַר') הָאט אִים גֶעשִׁיקְט אַ 'כְּתָב' – הָאט עֶר עֶס בַּאהַאלְטְן אִין אַ 'בּוֹים' פוּן דִי [דָאזִיגֶע] 'בֵּיימֶער' – אִיז גֶעקוּמֶען אַ 'שְׁטוּרֶעם־וִוינְט' וְכוּ', כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט] – הַיינְט [יֶעצְט] זוּכְט עֶר, טָאמֶער וֶועט עֶר עֶס גֶעפִינֶען"!

הָאבְּן זֵיי צוּ אִים גֶעזָאגְט: "מָארְגְן אַז [וֶוען] דוּ וֶועסְט גֵיין זוּכְן, וֶועלְן מִיר מִיט דִיר אוֹיךְ גֵיין – טָאמֶער וֶועלְן מִיר גֶעפִינֶען דָאס 'כְּתָב'"!

אִיז [טַאקֶע] אַזוֹי גֶעוֶוען – זֶענֶען זֵיי מִיט אִים אוֹיךְ גֶעגַאנְגֶען! – הָאט דִי 'בַּת־קֵיסָר' גֶעפוּנֶען דָאס 'כְּתָב' אִין אַ 'בּוֹים' – אוּן זִי הָאט עֶס אוֹיפְגֶעעֶפְנְט – הָאט זִי גֶעזֶעהְן: "אַז דָאס [אִיז] אִיר 'אֵייגְן כְּתָב' פוּן אִיר 'הַאנְט'"!

הָאט זִי זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "אַז [אוֹיבּ] זִי וֶועט אִים תֵּיכֶף אוֹיסְזָאגְן, "אַז זִי אִיז דָאס אַלֵיין" [דִי 'בַּת־קֵיסָר'] – [אִיז] אַז זִי וֶועט זִיךְ וִוידֶער אוֹיסְטָאן פוּן דִי 'קְלֵיידֶער', אוּן [דַאן] וֶועט [זִי] זִיךְ וִוידֶער אוּמְקֶערְן צוּ אִיר 'שֵׁיינְקֵייט', אוּן זִי וֶועט וִוידֶער זַיין אַ 'יְפַת־תּוֹאַר' אַזוֹי־וִוי פְרִיעֶר – קֶען עֶר זִיךְ אַנִידֶערְפַאלְן אוּן אוֹיסְגֵיין – אוּן זִי ווִיל [אַז] סְ'זָאל זַיין 'בְּכַשְׁרוּת כַּדָּת' (כְּלוֹמַר: 'נֶעמֶען', קֶען זִי אִים דָא נִישְׁט אִין דֶער 'מִדְבָּר' – וָוארְן זִי בַּאדַארְף מִיט אִים 'חֲתוּנָה' הָאבְּן אַזוֹי־וִוי סְ'קֶער [סְ'בַּאלַאנְגְט] צוּ זַיין)".

אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט אִים אוּמְגֶעקֶערְט דָאס 'כְּתָב' – אוּן זִי הָאט צוּ אִים גֶעזָאגְט: "אַז זִי הָאט

גֶעפוּנֶען דָאס 'כְּתַב' – (כְּלוֹמַר: דָאס הָאט זִי אִים נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעזָאגְט, אַז זִי אִיז דָאס אַלֵיין [דִי 'בַּת-קֵיסָר'] – נָאר זִי הָאט אִים סְתַּם גֶעזָאגְט: אַז זִי הָאט דָאס 'כְּתַב' גֶעפוּנֶען)"!

אִיז עֶר תֵּיכֶּף אַנִידֶערְגֶעפַאלְן, אוּן אִיז גֶעבְּלִיבְּן 'חֲלָשׁוּת', הָאבְּן זֵיי אִים 'דֶערְמוּנְטֶערְט'! אִיז צְוִוישְׁן זֵיי גֶעוֶוען אַ 'גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה'!

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער 'בָּחוּר' גֶעזָאגְט: "וָואס טוֹיג מִיר [פַארְוָואס דַארְף אִיךְ] דָאס 'כְּתַב' – וואוּ וֶועל אִיךְ זִי שׁוֹין קֶענֶען גֶעפִינֶען? – 'זִי' [דִי 'בַּת-קֵיסָר'] אִיז זִיךְ הַיינְט אַוַודְאַי עֶרְגֶעץ, בַּיי עֶפֶּעס אַ 'מֶלֶךְ' – (וָוארְן עֶר הָאט גֶעמֵיינְט, אַז זִי אִיז פַארְקוֹיפְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ דֶעם 'רוֹצֵחַ' – אַזוֹי-וִוי דֶער 'קֵיסָר' הָאט אִים דֶערְצֵיילְט) – נָאךְ וָואס טוֹיג מִיר דָאס [פַארְוָואס דַארְף אִיךְ דָאס הָאבְּן]? – אִיךְ וֶועל מִיר דָא אִיבֶּערְלֶעבְּן [אָפְּלֶעבְּן] מַיינֶע יָאהְרְן"!

אוּן [עֶר] אִיז גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט אִיר אוּמְגֶעקֶערְט דָאס 'כְּתַב' – אוּן הָאט צוּ אִיר גֶעזָאגְט: "נַאדִיר [דָא הָאסְטוּ] דָאס 'כְּתַב' – וֶועסְטוּ גֵיין, אוּן וֶועסְט 'זִי' נֶעמֶען [חֲתוּנָה הָאבְּן מִיט אִיר] – (וָוארְן זִי אִיז זִיךְ גֶעוֶוען פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַ 'זָכָר')"!

הָאט זִי זִיךְ גֶעלָאזְט [גֶעוָואלְט] גֵיין – אוּן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן: "אַז עֶר זָאל אוֹיךְ מִיט אִיר גֵיין – וָוארְן אִיךְ וֶועל 'זִי' בְּוַודְאַי נֶעמֶען – וֶועט זִיךְ מִיר גוּט זַיין – וֶועל אִיךְ דִיר אוֹיךְ אַ 'חֵלֶק' גֶעבְּן פוּן מַיין 'גוּטְס'"! – (כְּלוֹמַר: דִי 'בַּת-קֵיסָר' וָואס זִי אִיז גֶעוֶוען פַארְשְׁטֶעלְט וִוי אַ 'זָכָר', הָאט עֶס [דָאס] אַזוֹי גֶעזָאגְט צוּ דֶעם 'בָּחוּר').

אוּן דֶער 'בָּחוּר' הָאט גֶעזֶעהְן: "אַז דֶער אִיז אַ 'חָכָם', אוּן עֶר וֶועט זִי בְּוַודְאַי נֶעמֶען" – אִיז עֶר מְרוּצֶּה [בַּאוִוילִיגְט] גֶעוָוארְן מִיט אִים צוּ גֵיין (דְהַיְינוּ: מִיט דֶער 'בַּת-קֵיסָר' וָואס עֶר הָאט גֶעמֵיינְט אַז זִי אִיז אַ 'זָכָר'), אוּן דֶער 'קֵיסָר' אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיין – וָוארְן עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט זִיךְ אוּמְצוּקֶערְן אִין דֶער 'מְדִינָה' אַרַיין.

הָאט זִי אִים גֶעבֶּעטְן: "אַז עֶר זָאל אוֹיךְ גֵיין – וָוארְן עֶר וֶועט זִיךְ בְּוַודְאַי נֶעמֶען דִי 'יְפַת-תּוֹאַר' – הָאסְטוּ [דֶערִיבֶּער] זִיךְ שׁוֹין קֵיין מוֹרָא נִישְׁט צוּ הָאבְּן – (כְּלוֹמַר: זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט: אִיךְ וֶועל זִיךְ בְּוַודְאַי אָפְּזוּכְן [אַפִּיר-זוּכְן] דִי 'יְפַת-תּוֹאַר' – הָאסְטוּ [דֶערִיבֶּער] שׁוֹין קֵיין מוֹרָא נִישְׁט צוּ הָאבְּן – וָוארְן דָאס 'מַזָּל' וֶועט זִיךְ אוּמְקֶערְן, אַז [אוֹיבּ] מֶען וֶועט זִי גֶעפִינֶען) – אוּן מֶען וֶועט [דַאן] דִיךְ אוֹיךְ הֵייסְן [זִיךְ] אוּמְקֶערְן [עֶר וֶועט צוּרִיק וֶוערְן דֶער 'קֵיסָר']"!

זֶענֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען דִי אַלֶע 'דְרֵיי' אִינְאֵיינֶעם – אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעדִינְגֶען אַ 'שִׁיף' – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דֶער 'מְדִינָה' וואוּ דִי 'קֵיסָרְ'טֶע' זִיצְט – אוּן זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּ דֶער 'שְׁטָאט' וואוּ זִי זִיצְט דָארְטְן – אוּן זֵיי הָאבְּן אַנִידֶערְגֶעשְׁטֶעלְט [אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט] דִי 'שִׁיף'!

הָאט זִיךְ דִי 'בַּת-קֵיסָר' מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען: "אַז [אוֹיבּ] זִי וֶועט תֵּיכֶּף אוֹיסְזָאגְן [פַאר] דֶער 'מוּטֶער' [דִי קֵיסָרְטֶ'ע]: אַז זִי אִיז גֶעקוּמֶען – קֶען זִי אוֹיסְגֵיין".

אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען – אוּן הָאט גֶעשִׁיקְט [זָאגְן] צוּ דֶער 'מוּטֶער': "בַּאֲשֶׁר [אַז] ס'גֶעפִינְט זִיךְ אַ 'מֶענְטְשׁ', וָואס עֶר הָאט אַ 'יְדִיעָה' פוּן אִיר 'טָאכְטֶער'"!

דֶערְנָאךְ אִיז זִי אַלֵיין גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער 'קֵיסָרְ'טֶע', אוּן הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט וָואס ס'הָאט זִיךְ [אַלְץ] אִיבֶּערְגֶעטָאן [אָפְּגֶעטוּהְן] מִיט אִיר 'טָאכְטֶער' – אוּן הָאט אִיר דֶערְצֵיילְט דִי 'גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה'!

אוּן צוּם 'סוֹף', הָאט זִי אִיר גֶעזָאגְט (מִיט דֶעם לָשׁוֹן): "אוּן 'זִי' (דְהַיְינוּ: דִי 'טָאכְטֶער') אִיז אוֹיךְ דָא"! דֶערְנָאךְ הָאט זִי אִיר גֶעזָאגְט דֶעם 'אֱמֶת':

"אִיךְ בִּין דָאס 'אַלֵיין'"!

אוּן זִי הָאט אִיר מוֹדִיעַ גֶעוֶוען: "אַז אִיר 'חָתָן', דְהַיְינוּ: דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן', אִיז אוֹיךְ דָא"!

נָאר זִי הָאט גֶעזָאגְט צוּ דֶער 'מוּטֶער': "אַז זִי וִויל אַנְדֶערְשׁ נִישְׁט - נָאר אַז מֶען זָאל אוּמְקֶערְן צוּרִיק אִיר 'פָּאטֶער' דֶעם 'קֵיסָר', אוֹיף זַיין אָרְט", אוּן דִי 'מוּטֶער', הָאט דָאס גָארְנִישְׁט גֶעוָואלְט - וָוארְן זִי אִיז אוֹיף אִים זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גֶעוֶוען - וַוייל אִיבֶּער [צוּלִיבּ] אִים אִיז דָאס אַלְץ גֶעוֶוען!

נָאר זִי הָאט גֶעמוּזְט צוּלִיבּ טָאן דָאס [פַּאר] אִיר 'טָאכְטֶער' הָאט מֶען גֶעוָואלְט 'אִים' אוּמְקֶערְן (דְהַיְינוּ: דֶעם 'קֵיסָר'). הָאט מֶען גֶעזוּכְט דֶעם 'קֵיסָר' - אוּן עֶר אִיז גָארְנִישְׁט דָא.

הָאט אִיר דִי 'טָאכְטֶער' אוֹיסְגֶעזָאגְט: "אַז דֶער 'קֵיסָר' אִיז אוֹיךְ דָא מִיט זֵיי"! אִיז גֶעוֶוען דִי 'חֲתוּנָה' - אוּן דִי 'שִׂמְחָה אִיז אִינְגַאנְצְן [בִּשְׁלֵימוּת]!

אוּן דִי 'מְלוּכָה' אוּן דָאס 'קֵיסָרִית' [קֵיסֶרְ'שַׁאפְט] - הָאבְּן זֵיי אָפְּגֶענוּמֶען - דְהַיְינוּ: דֶעם 'בֶּערְגֶערְ'ס זוּהְן' מִיט דֶער 'יְפַת-תּוֹאַר', וָואס זֵיי הָאבְּן [הֶערְשְׁט] 'חֲתוּנָה' גֶעהַאט, אוּן זֵיי הָאבְּן 'מוֹלֵךְ בְּכִיפָּה' גֶעוֶוען - דְהַיְינוּ: זֵיי הָאבְּן גֶעקֶענִיגְט אִיבֶּער גָאר דֶער וֶועלְט - אָמֵן וְאָמֵן!

[דָאס הָאט רַבֵּינוּ זַ"ל גֶעשְׁמוּעֶסְט נָאכְן עֶנְדִיגְן דֶערְצֵיילְן דִי 'מַעֲשֶׂה']: דֶערְנָאךְ, הָאט אוֹיךְ דֶער 'אַלְטֶער קֵיסָר', קַיין 'גְדוּלָה' נִישְׁט גֶעהַאט - וָוארְן סְ'אִיז אַלְץ אִיבֶּער [צוּלִיבּ] אִים גֶעוֶוען!

דֶער 'בֶּערְגֶער' הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס 'גְדוּלָה', [וַוייל] עֶר אִיז דֶעם 'קֵיסָרְ'ס פָּאטֶער, וָואס עֶר אִיז דֶער 'עִיקָר', דֶעם 'מַאטְרָאס' הָאט מֶען 'אָנְגֶעפַּאטְשְׁט' 'אָנְגֶעפַּאטְשְׁט' - אוּן מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶעשְׁטוּפְּט. בַּיי 'לוֹט' שְׁטֵייט [בְּרֵאשִׁית יט, יז]: "הָהָרָה הִמָּלֵט", דָאס אִיז אַ 'בֶּערְגֶער' [הָהָרָה-בַּארְג-בֶּערְגֶער] - אוּן פוּן אִים קוּמְט אַרוֹיס 'מָשִׁיחַ'!

'אִידְן' הָאבְּן אִין 'מִצְרַיִם' גֶעהַאט 'סִימָנִים', וֶוער דֶער 'גּוֹאֵל' וֶועט זַיין וְכוּ' [אַז וֶוער עֶס וֶועט זֵיי זָאגְן: "פָּקֹד פָּקַדְתִּי" (שְׁמוֹת ג, טז), עֶר אִיז דֶער 'גּוֹאֵל'], אוּן אוֹיף דֶעם 'גּוֹאֵל' וָואס סְ'וֶועט קוּמֶען [מָשִׁיחַ], אִיז בְּוַדַּאי אוֹיךְ דָא 'סִימָנִים'!

'מָשִׁיחַ' וֶועט זָאגְן [פַּאר] 'אִיטְלֶעכְן אִידְן' [יֶעדְן אִיד]: "וָואס מִיט אִים הָאט זִיךְ אִיבֶּערְגֶעטָאן [אָפְּגֶעטוּהְן] 'אִיטְלֶעכְן [יֶעדְן] טָאג'", 'תָּמָר' הָאט אוֹיךְ פַּארְלוֹירְן דִי 'סִימָנִים', אַזוֹי-וִוי אִין 'מִדְרָשׁ' שְׁטֵייט [בְּרֵאשִׁית-רַבָּה פה, יא]. אוּן אַז [וֶוען] מֶען הָאט זִי גֶעוָואלְט פַארְבְּרֶענֶען - אִיז גֶעקוּמֶען דֶער 'סַמֶ"ךְ-מֶ"ם', אוּן הָאט פוּן אִיר דֶערְוַוייטֶערְט דִי 'סִימָנִים' - אוּן דֶער 'מַלְאָךְ גַּבְרִיאֵל' אִיז גֶעקוּמֶען, אוּן הָאט זֵיי צוּ אִיר אָפְּגֶעבְּרַאכְט [צוּרִיקְגֶעבְּרֶענְגְט] - אַזוֹי-וִוי אִין 'מִדְרָשׁ' שְׁטֵייט [גְּמָרָא סוֹטָה י:]. אוּן פוּן אִיר קוּמְט אַרוֹיס 'מָשִׁיחַ', בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

דָאס [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע 'רְמָזִים'] הָאט אַלְץ דֶער 'רֶבִּי' זַ"ל גֶעשְׁמוּעֶסְט נָאךְ דֶער 'מַעֲשֶׂה' - כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען עֶפֶּעס שְׁטוֹיסְן [אִין מוֹחַ], וִוי וַוייט [הוֹיךְ] דִי 'מַעֲשֶׂה' דֶערְלַאנְגְט!

אַז וואוֹיל אִיז דֶעם, וָואס עֶר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ וִויסְן, דֶעם 'סוֹד' פוּן דִי 'מַעֲשִׂיּוֹת', אֲפִילוּ אוֹיף 'יֶענֶער וֶועלְט'!

דָאס וָואס דָא שְׁטֵייט אִין דֶער 'מַעֲשֶׂה': "וִוי אִיטְלֶעכֶער קוּמְט מִיט זַיין 'שִׁיר' - אוּן [צוּ] אַ 'טֵייל', עֶנְטְפֶערְט מֶען דוּרְךְ אַ 'שְׁלִיחַ' וְכוּ'", כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט].

אַזוֹי אִיז פַארְהַאנְדְן כַּמָּה 'גְרוֹיסֶע לַייט' - וָואס 'אִיטְלֶעכֶער' טוּט וָואס עֶר טוּט - אוּן 'אִיטְלֶעכֶער' פָּארֶעט זִיךְ, אוּן וִויל דֶערְלַאנְגְן דֶעם 'רֶעכְטְן [רִיכְטִיגְן] תַּכְלִית' - אוּן קֵיינֶער אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּם 'רֶעכְטְן [רִיכְטִיגְן] תַּכְלִית' צוּם 'אֱמֶת', נָאר 'דֶער' וָואס עֶר אִיז 'רָאוּי' דֶערְצוּ.

אוּן [צוּ] אַ טֵייל, עֶנְטְפֶערְט מֶען דוּרְךְ אַ 'שְׁלִיחַ' - אָדֶער פוּן אוּנְטֶער דֶער 'וַואנְט' - אָדֶער מֶען וַוייזְט זֵיי אַרוֹיס דָאס 'פָּנִים' וְכוּ' - אַזוֹי-וִוי אִין דֶער 'מַעֲשֶׂה' שְׁטֵייט.

נָאר צוּם 'סוֹף', אַז [וֶוען] זֵיי גֵייעֶן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט - עֶנְטְפֶערְט מֶען זֵיי: "אַז זֵיי הָאבְּן נָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעטָאן" - אַזוֹי-וִוי אִין דֶער 'מַעֲשֶׂה' שְׁטֵייט: "וִוי דִי 'יְפַת-תּוֹאַר' הָאט צוּם סוֹף זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דִי 'וַואסֶערְן', זֶענֶען אָבֶּער אִיבֶּער דִיר נָאכְנִישְׁט אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען". בִּיז סְ'וֶועט קוּמֶען דֶער רֶעכְטֶער [רִיכְטִיגֶער] 'מַנְהִיג' - בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן!

שם: ______________

# לאמיר זיך פארהערן



## די צענטע מעשה - דער בערגיר מיטן אריםאן (10)

**א. ווער האט זיך דער ערשטער אנטפלעקט (באוויזן) ווער ער איז?**
- ❑ דער קיסר
- ❑ דער זוהן פון בערגיר
- ❑ די טאכטער פון קיסר

**ב. ווער האט זיך דער צווייטער אנטפלעקט (באוויזן) ווער ער איז?**
- ❑ דער קיסר
- ❑ דער זוהן פון בערגיר
- ❑ די טאכטער פון קיסר

**ג. וואס האט דער זוהן פון בערגיר געטון ווען ער האט נישט געטראפן די כתב?**
- ❑ געווארן בעצבות
- ❑ געוויינט
- ❑ זיך געשטארקט

**ד. ווער האט געטראפן די כתב?**
- ❑ דער קיסר
- ❑ דער זוהן פון בערגיר
- ❑ די טאכטער פון קיסר

**ה. וואס איז געשען מיט דער זוהן פון בערגיר ווען מ'האט געטראפן די כתב?**
- ❑ ער איז געפאלן חלשות
- ❑ ער האט זיך זייער געפריידט
- ❑ ער האט געוויינט פון איבער גענומענקייט

**ו. וואס האט דער זוהן פון בערגיר געטון מיט די כתב וואס מ'האט געטראפן?**
- ❑ ער האט עס געגעבן פארן קיסר
- ❑ ער האט עס געהאלטן פאר זיך
- ❑ ער האט עס געגעבן פאר די טאכטער פון קיסר

**ז. צו וועלכע מדינה זענען זיי אנגעקומען?**
- ❑ צו די מדינה וואס דער בערגיר איז דארטן
- ❑ צו די מדינה וואס די קיסרית זיצט דארטן
- ❑ צו די מדינה וואס דער רוצח איז דארטן

**ח. וואס האט די טאכטער פון קיסר געשיקט זאגן פאר איר מאמע?**
- ❑ אז מ'האט געטראפן איר טאכטער
- ❑ אז עס איז דא א מענטש וואס האט איין ידיעה פון איר טאכטער
- ❑ אז עס איז דא א איינער וואס ווייסט וואו די טאכטער איז

**ט. ווער האט געהאט גרויס גדולה נאכדעם?**
- ❑ דער קיסר
- ❑ די טאכטער פון קיסר
- ❑ דער בערגיר

י. האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ❑ יא
- ❑ ניין
- ❑ א חלק

טיפער געטראכט

**צום סוף: וואס האט דער אלטער קיסר נישט געהאט - און פארוואס? און וואס האט דער בערגיר געהאט ?**

**ווער איז צום סוף געווארן דער קיסר?**



**תשובות פון פאריגע וואך:**

**ווער פון די דריי** (דער קיסר, דער זון פונעם בערגיר, די בת קיסר) **זענען געקומען צום מדבר וועגן א רוצח?**

די בת קיסר, און דער בן הבערגיר: (פַּארְוָואס אִיז עֶר אַ רוֹצֵחַ... אִיבֶּער זַיין אַכְזָרִיוֹת און אִיבֶּער זַיין גַּסוּת בִּין אִיךְ אַהֶער גֶעקוּמֶען)

**דער געווינער פון בערגער וועני #9 איז: הילד החשוב שמעון מנדליאל בית שמש. ** 9886**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייננגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# דעם רבינ'ס משלים



# ווֶער קֶען אָנְקוּמֶען צוּם גְרוֹיסְן נָגִיד?!

**אִין** אַ גֶעוִויסֶע שְׁטָאט הָאבְּן גֶעוואוֹינְט צְוֵויי עֲשִׁירִים, אֵיינֶעם מִיר וֶועלְן אִים רוּפְן ר' הֶערְשְׁל - גַאנְץ אַ קְנַאפֶּער עוֹשֶׁר, ווִידֶער דֶער צְוֵוייטֶער עוֹשֶׁר וֶועלְכֶער מִיר רוּפְן אִים ר' אָשֵׁר, אַ גְבִיר-אַדִּיר, מֶען קֶען נִישְׁט בַּאשְׁרַייבְּן דָאס רַייכְקַייט אוּן פַארְמֶעגְן וָואס עֶר פַארְמָאגְט.

אִין דֶעם זֶעלְבְּן שְׁטָאט הָאט גֶעוואוֹינְט בָּרוּךְ וֶועלְכֶער הָאט גֶעדַארְפְט ווִיכְטִיג גָאר אַ גְרוֹיסֶע סוּמֶע גֶעלְט, אָבֶּער עֶר קֶען דָאךְ נִישְׁט צוּטְרֶעטְן צוּ ר' אָשֵׁר דֶער בַּאווּאוּסְטֶער נָגִיד בֶּעטְן דֶעם סְכוּם, מֶען קֶען בִּכְלַל נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער צוּ הֶערְשְׁלֶ'ן דֶעם קְלֵיינֶעם עוֹשֶׁר קֶען עֶר טְרֶעפְן גַאנְץ גְרִינְג, אָבֶּער אַזַא סְכוּם קֶען זִיךְ הֶערְשְׁל זִיכֶער נִישְׁט עֶרְלוֹיבְּן אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן זַיין טַאשׁ. טְרַאכְט בָּרוּךְ צוּ זִיךְ, 'וָואס הָאב אִיךְ צוּ גֵיין צוּ הֶערְשְׁל, אוּן בֶּעטְן הִילְף, עֶס אִיז אִיבֶּער זַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ שְׁרַייבְּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע טְשֶׁעקְס, אָבֶּער אֵיין זַאךְ קֶען אִיךְ יָא בֶּעטְן פוּן אִים, עֶר זָאל גֵיין צוּ ר' אָשֵׁר דֶער פִילַאנְטְרָאפְּ, עֶר קֶען דָאךְ יָא זִיךְ אַרַיינְבַּאקוּמֶען צוּ אָשֶׁרְ'ן אִין שְׁטוּב גְרִינְגֶערְהֵייט'.

בָּרוּךְ טְרֶעפְט אֵיין טָאג דֶעם בַּעַל-בַּתִּישְׁ'ן ר' הֶערְשְׁל אוּן הֵייבְּט זִיךְ אָן בֶּעטְן בַּיי אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן, אוּן זָאגְט אִים: "ר' הֶערְשְׁל אִיךְ דַארְף דַיין הִילְף, אִיךְ דַארְף קְרִיטִישׁ ווִיכְטִיג שַׁאפְן אַ רִיזְן סוּמֶע גֶעלְט, אִיךְ וֵוייס אַז דוּ הָאסְט אַ גוּטֶע הַארְץ אוּן ווִילְסְט מִיר זִיכֶער הֶעלְפְן, אָבֶּער פוּן צְוֵוייטְן זַייט זֶע אִיךְ נִישְׁט דוּ זָאלְסְט מִיר קֶענֶען גֶעבְּן אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע סוּמֶעס, אָבֶּער וָואס? אֵיין זַאךְ קֶענְסְטוּ יָא טוּן, גֵיי צוּ ר' אָשֵׁר אוּן עֶרווֶעק זַיין רַחֲמָנוּת עֶר זָאל מִיר גֶעבְּן דֶעם סְכוּם, פַאר אִים אִיז עֶס ווִי קְלֵיין גֶעלְט, אִיךְ קֶען דָאךְ נִישְׁט אָנְקוּמֶען צוּ דֶעם אָשֶׁרְ'ן, פַאר דִיר אִיז דָאךְ יָא מֶעגְלִיךְ אַרַיינְצוּגֵיין צוּ אִים, אִיז טוּ מִיר דִי גֶענַאד, אוּן בֶּעט פוּן אִים פַאר מַיינֶעט וֶועגְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ מִיר אוֹיפְרֶעכְטְן אוּן אִיךְ וֶועל זַיין אַ גֶעהָאלְפֶענֶער".

גֶענוֹי ווִי מִיר הָאבְּן פַארְצֵיילְט דִי מָשָׁל פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, פּוּנְקְט אַזוֹי כִּבְיָכוֹל גֶעשֶׁעט וֶוען מִיר בֶּעטְן זִיךְ בַּיים בַּאשֶׁעפֶער פַאר אַ יְשׁוּעָה. וַוייל עֶס אִיז פַארְהַאן אוֹיבְן כִּבְיָכוֹל צְוֵויי סָארְטְן רַחֲמָנוּת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן, אֵיינְס וֶוערְט גֶערוּפְן רַחֲמִים פְּשׁוּטִים – פָּשׁוּטֶ'ע רַחֲמָנוּת וואוּ מִיר קֶענֶען דָארְט גַאנְץ גְרִינְג מְעוֹרֵר זַיין אוּן זִיךְ

המשך אויף זייט 7 <<<

מזל טוב להר"ר אברהם יודא שפילמאן הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב
ווינטשן די תלמידים פון
רבי'נס מתמידים - והודעתם לבניך

מזל טוב להרה"ח ר' יושע זאב ווידער הי"ו
לרגל הולדת נכדו למזל טוב
ווינטשן די תלמידים פון
רבי'נס מתמידים - והודעתם לבניך

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יעקב ווייספיש הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר שמואל גפן הי"ו
לרגל הולדת בתו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר יעקב וויטריאל הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב

הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אברהם ליכטער הי"ו
לרגל הולדת בנו למזל טוב